# עונג שבת

עס איז געווען ערב שבת בערך פערטעל צו פיר נאכמיטאג און דער שטאט נתניה׳ אין ארץ ישראל. ״איציק״, א יונגער סאלדאט אין מיליטער, איז געשטאנען אויף די זייט פונעם גאס, ווארטענדיג אויף א ״היטש״ אהיים. איציק האט געענדיגט א שווערע וואך אין די מיליטער, און ער האט יעצט געהאט א פאר טעג מנוחה. עס איז דעמאלטס געווען ווינטער, ליכט צינדען איז געווען בערך 4:25.

איציק איז ליידער געווען א פרייער איד. אז ער האט נישט געטראכט וועגן שבת קודש. ער האט געוואוינט אין שטאט באר שבע. עס איז איהם נישט געווען קיין חילוק אז ער וועט אנקומען קיין באר שבע ווען עס וועט שוין זיין שבת. פארשטייט זיך, אז איציק איז אויפגעוואקסן אין א פרייע משפחה, און דערפאר, האט קיינער מיט איהם נישט געלערנט א ווארט פון שבת קודש. ער איז געווען א ריכטיגער תינוק שנשבה. ווען די זון איז געווען אויפ׳ן וועג אראפ, האט איציק געטראכט נאר וועגן איין זאך, אז ער האט געהאט א פאר טעג פריי פון די ארמיי. פלוצלינג, האט א פרומער איד מיטן נאמען ר׳ משה קראָקער אפגעשטעלט זיין קאר לעבן די ״טרמפיאדה״ (אזוי הייסט א פלאץ ווי מ׳ווארט אויף באסעס און ״היטשעס״ אין א״י). דער איד האט געעפענט זיין פענסטער און ער האט געזאגט צו איציק: ״איך פאר נאר קיין נתניה׳, און איך קען דיך טראגן ביז דארט, אויב דו ווילסט.״ נאך פאר איציק האט געקענט ענטפערן, האט איהם ר׳ משה געפרעגט ״ווי דארפסטו גיין בכלל?״ ״איך האב געוואלט אהיים פארן.״ האט איציק אנגעהויבן צו זאגן. ״איך וואוין אין באר שבע.״ ר׳ משה איז געווארן איבערראשט. באר שבע איז געווען א נסיעה פון ווייניגסטענס דריי שעה!

״באר שבע!״ האט ר׳ משה געזאגט פאר איציק. ״דאס איז זייער ווייט פון דא. וויאזוי טראכסטו אנצוקומען נאך פאר שבת?״ ר׳ משה האט זיך געמאכט אז ער ווייסט נישט אז איציק איז פריי אפילו ער האט אויסגעקוקט ווי א פרייער איד. ״איך דארף דיר זאגן דעם אמת,״ האט איציק אנגעהויבן צו זאגן, ״איך בין נישט קיין דתי, אז פאר מיר איז נישט קיין חילוק אויב איך וועל אנקומען אהיים ביינאכט.״

ר׳ משה האט געוואוסט אז עס איז א גרויסער ספק אויב איציק וועט מסכים זיין, אבער ער האט געשפירט אז ער דארף פרובירן מקרב צו זיין דעם פרייער סאלדאט. ״ביטע, קום אהיים מיט מיר און זיי ביי אונז שבת מיט מיר און מיין משפחה. מיר האבן מעהר ווי גענוג צו עסן און אסאך פלאץ פאר א גאסט...״ יעצט איז איציק איבערגענומען געווארן, ווייל ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין שייכות מיט ״דתים״. אבער איציק האט שנעל געזאגט ״ניין״ פאר ר׳ משה און ער איז אנגעהויבן צו גיין צוריק צו די ״טרמפיאדה״ צו זוכן אן אנדערע קאר וואס קען איהם אהיימטראגן.

אבער איציק איז נישט געבליבן מיטן ענטפער ״ניין,״ ווייל ר׳ משה איז געווען אן עקשן. ״חייל, בא שנייה (סאלדאט, קום אהער איין מינוט)״ האט זיך ר׳ משה אנגערופען. איז איציק צוריק געקומען צו ר׳ משה׳ס קאר. ״פרוביר עס. דו וועסט הנאה האבן ביי אונז שבת. עס קען זיין אינטערעסאנט פאר דיר. עס קען נישט שאטן צו זיין איין שבת מיט א פרומע משפחה...״ האט ר׳ משה פרובירט. איציק האט זיך פארטראכט אויף א פאר סעקונדעס. ער האט זיך דערמאנט ווי אלץ יונגל ער האט געגעסן א שבת סעודה אין באר שבע ביי א פרומע משפחה וואס זענען געווען חברים פון זיינע עלטערן. ער האט אבער נישט געוואלט זיין איינגעשפארט א גאנצען שבת מיט ״דתים!״ די פרומע וועלט איז געווען אינגאנצן פרעמד פאר איציק.

״אבער,״ האט איציק אנגעהויבן צו טראכטן, ר׳ משה איז אפשר פארט גערעכט. עס איז טאקע שפעט, און דא איז ער געווען מיד, הונגעריג און דארשטיג. ״נו,״ האט ער געטראכט, עס קען זיין א גוטע זאך, גוטע עסן און רוהיגערהייט! ביז דערווייל האט איציק באמערקט אז א פאר קארס אונטער ר׳ משה׳ס קאר שטייען און קענען נישט אדורכפארן, ווייל ר׳ משה׳ס קאר האט אויפגעהאלטן די אנדערע קארס. און איין קאר האט אנגעהויבן צו פייפן. עס איז געווען שפעט, און איציק טראכט ״וואס זאל איך טוהן? יא אדער ניין?...״ צום סוף איז איציק אריינגעשפרינגען אין ר׳ משה׳ס קאר און ער האט אריינגעווארפן זיין רענצל אין די ״בעק״ פונעם קאר. אויפ׳ן וועג אהיים, ר׳ משה און איציק האבן זיך פארגעשטעלט איינער פארן אנדערן. איציק איז צוביסלעך געווארן מער באקוועם מיט ר׳ משה, אפילו איציק האט קיינמאל נישט געהאט קיין שייכות מיט ״דתים״. און דער שבת איז געווען ממש א מחי׳. איציק איז איבערגענומען געווארן פון די דברי תורה, די געשמאקע עסן און די שיינע זמירות. ער האט דעם ערשטע מאל אין זיין לעבן געשפירט א טעם פון שבת קודש. ווען דער מוצאי שבת איז אנגעקומען האט איציק צוזאמענגענומען זיינע זאכן און זיך אנגעגרייט אהיים צו גיין. ר׳ משה האט זיך געפרייט אז ער האט געהאט א געלעגענהייט אביסל מקרב צו זיין א אידישע נשמה.

נאך פאר איציק האט איבערגעלאזט ר׳ משה און זיין משפחה, האט איהם איציק געזאגט אז ער וויל רעדן מיט איהם. ״איך האב א בקשה פון דיר,״ האט איציק אנגעהויבן צו זאגן. ״איך האב געהאט אזא געוואלדיגע גרויסע הנאה דא צו זיין מיט דיר און מיט דיין משפחה, וויאזוי קען איך דיר עפעס צוריקבאצאלן?״ האט איציק געפרעגט. האט ר׳ משה ארויסגענומען א קיצור שלחן ערוך און ער האט עס געגעבן פאר איציק, זאגענדיק: ״נעם דעם ספר און קלויב דיר אויס איין מצוה וואס דו שפירסט אז דו קענסט מקיים זיין יעדען טאג.״ ר׳ משה האט געוואוסט אז עס קען זיין אז זיין בקשה וועט זיין צו פיל פאר איציק, אבער ער האט געוואלט פרובירן אנצופאנגען צוריקצוברענגען איציק׳ס נשמה צו אידישקייט.

איציק האט אנגעהויבן דורכקוקן דעם ספר זוכענדיג עפעס א מצוה. איציק האט געזעהן אין אנפאנג פונעם ספר אז ס׳שטייט וויאזוי מ׳דארף אנטון און אויסטוהן די שיך. (״לכן בלבישה וכן בשאר דברים לעולם יקדים של ימין לשל שמאל.״ קיצור שלחן ערוך ג:ד) האט איציק געטראכט אז די מצוה איז א גרינגע מצוה וואס ער וועט קענען גרינגערהייט מקיים זיין. האט ער אויף זיך מקבל געווען מקיים צו זיין די מצוה פון אנטון די רעכטע שיך ערשט, און נאך דעם די לינקע שיך. איציק האט באדאנקט ר׳ משה מיט זיין משפחה און ער איז ארויסגעגאנגען. ר׳ משה האט גענומען זיין טעלעפאן נאמבער כדי צו קענען אנהאלטן א קשר מיט איהם.

א פאר וואכן שפעטער, איז איציק געווען אויפ׳ן גרעניץ מיט לבנון. איין נאכט, ווען אלע סאלדאטן האבן זיך אנגעגרייט ארויסצופארן אויף א ״פאטראל״, איז איציק וואס איז דעמאלטס אויפגעשטאנען פון שלאף, זיך שנעל אנגעטוהן זיינע כלי מלחמה און ער איז ארויסגעלאפן פונעם געצעלט. ווען ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו דעם דזשיפּ, (אן ארמיי קאר) האט ער זיך דערמאנט אז ער האט פארגעסן אנצוטון זיינע שיך ווי עס דארף צו זיין. האט ער זיך אפגעשטעלט אויך א פּאָר סעקונדעס צו טראכטן וואס צו טוהן. זיינע חברים האבן געפיפען, און זיי האבן געשריגן אז ער האט פארשפעטיגט שוין דעם ״פאטראל״. אבער ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן! ער האט געטראכט אזוי ״איך בין אבער א ווארטס מענטש. איך בין טאקע נישט קיין ׳דתי׳, אבער, איך האב אויף מיר מקבל געווען איין מצוה, דארף איך עס מקיים זיין!״

״חכה רגע (ווארט איין מינוט).״ האט ער געזאגט פאר זיינע סאלדאטן חברים. ״איך האב פארגעסן עפעס...״ איז ער צוריקגעגאנגען אין דעם געצעלט אויסצוטון די שיך און נאכדעם אנגעטוהן די שיך געהעריג. ווען ער איז צוריק געקומען צו דעם פלאץ ווי די סאלדאטן האבן געדארפט ווארטן אויף איהם, האט ער געזעהן אז זיי זענען שוין אוועקגעפארן אן איהם. און ער האט זיך נישט גוט געפילט אז ער איז נישט מיטגעגאנגען מיט זיי. אבער וואס האט ער געקענט טוהן? א קבלה ביי איהם איז געווען א קבלה!

צען מינוט שפעטער האט ער געהערט אן איבערקערניש אין דעם געצעלט פונעם קעפטען. איז ער געלאפן הערן וואס איז געשען. ליידער איז דער דזשיפ מיט אלע סאלדאטן איבערגעפארן א באמבע. זעלבספארשטענליך, אז די אלע סאלדאטן זענען געהארגעט געווארן. איציק איז שטארק איבערראשט געווארן. און ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען. נאך א פאר מינוט וויינען האט ער געקוקט אויף זיינע שיך, און געטראכט ״אזא קליינע מצוה האט איהם געראטאוועט״!

איינע פון די ברכות וואס דער אייבערשטער זאגט אונז צו אויב מיר גיין היטן די תורה איז ״...והייתי לכם לאלקים ואתם תהיו לי לעם.״ די לשון ווייזט אויף א שטארקע נאנטשאפט צווישן אונז און דעם רבונו של עולם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ״אני לדודי ודודי לי״ (שיר השירים ו,ג) דורך טון מצות פון אהבת השם, ווייזן מיר ווי שטארק מיר וועלן זיין דעם אייבערשטענ׳ס באליבטען פאלק. גוט שבת **אלע אידן**.

נתרם לרפו״ש של ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין בדף זה לאחר התפילה**